דאס גופא א תענוג.

כח. און היות אז ח"י אלול קומט אויס בשנה זו בשבת - גיט צו די הוראה פון שבת אין דער הוראה פון ח"י אלול:

אז די עבודה פון ח"י אלול צו ברענגען און געבן חיות אין דער עבודה פון אלול ובמיוחד אין דער עבודה פון "אני לדודי ודודי לי" ווערט געטאן ביתר שאת וביתר עוז, און אין דעם ווערט נאכמער דערהערט די כונה פנימית פון די עבודה - לשמש את קוני ("אני לדודי"), ביז דאס נעמט דורך אויך די עניני רשות וועלכע מ'טוט. און די עבודה ווערט געטאן באופן פון עמל ויגיעה (אין קדושה גופא) וביחד עם זה איז דאס מתוך תענוג.

כט. דערנאך קומט צו די הוראה דערפון וואס דער שבת ח"י אלול איז פ' תבוא - "והי' כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה וירשתה וישבת בה":

די אלע ענינים המדוברים לעיל דארף מען טאן ניט בלויז בנוגע צו זיך אליין, און פועל'ן אויף בני ביתו, און די מענטשן וואס לעבן אין זיין שכונה - נאר ביי אים דארף זיין "כי תבוא אל הארץ", ער דארף ארויסגיין אין וועלט און אויך דארטן פועל'ן בא די וואס געפינען זיך דארטן די אלע ענינים.

כידוע פתגם הצ"צ[119] "מאך דא ארץ ישראל": יעדערער דארף מאכן פון חלקו בעולם, ביז פון כל העולם כולו - ארץ ישראל, דורך דעם וואס דער ארט ווערט דורכגענומען מיט אידישקייט און געטלעכקייט.

ל. דערצו קומט נאך די הוראה פון דעם וואס דער ספרי זאגט אויף "והי' כי תבוא" - "אין והי' אלא מיד".

וואס פון דעם ספרי קומט אויס, לדעת כמה גדולי ישראל[120], אז חיוב הבאת ביכורים (וואס אויף דעם גייט דער "והי' כי תבוא אל הארץ גו' ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו'") איז תיכף משנכנסו לארץ פאר שבע שכבשו ושבע שחלקו*.

- עס זיינען דא די וואס ווילן מגי' זיין דעם ספרי און

---

*) וראה לקו"ש חי"ט ס"ע 603 (ובקיצור - בלקו"ש ח"ט ע' 152 הערה 2) באופן אחר.

---

119) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה. ועוד. 120) צפע"נ עה"ת כאן. ועוד.

SichosKodesh.com

ווילן משמיט זיין דעם מאמר פון ספרי, ווייל דער ספרי (אז חיוב הבאת ביכורים איז תיכף משנכנסו לארץ לפני ירושה וישיבה) איז היפך פון דער גמרא אין קידושין[121] אז חיוב הבאת ביכורים איז לאחרי שבע שכבשו ושבע שחלקו.

וכמדובר כמ"פ אז ס'איז ניט קיין דרך גלאט צו מגי' זיין א זאך וואס שטייט אין תורה סיידן ס'איז דא א הכרח גמור בדבר. כידוע די שווערע לשונות וואס דער ר"ת שרייבט[122] אויף די וואס זיינען גלאט מגי' זאכן אין תלמוד כו'.

ובפרט אז בנדו"ד איז דא א פירוש ע"פ נגלה אין דעם ספרי[123], אז אין געוויסע פאלן איז מען מחוייב אין הבאת ביכורים תיכף משנכנסו לארץ ("מיד"), אדער בשדה עצמו וכו'.

ל. בנוגע להלכה במעשה בפועל קען מען ניט זאגן לויט ביידע אופנים, אז חיוב הבאת ביכורים איז "מיד" (ווי אין ספרי), אדער לאחרי שבע שכבשו ושבע שחלקו (ווי די גמרא אין קידושין), כאטש אז "אלו ואלו דברי אלקים חיים"[124];

אבער בנוגע צו א הוראה בעבודת האדם (רוחנית) בפועל קען מען ארויסנעמען א הוראה פון ביידע אופנים:

אין עבודת האדם זיינען דא צוויי אופנים:

(א) עבודה במדידה והגבלה ובסדר והדרגה מן הקל אל הכבד. ווי כללות סדר עבודת התפלה ביום: פריער זאגט מען ברכות השחר, דערנאך איז מען נתעלה העכער צו זאגן "הודו" און פסוד"ז, דערנאך העכער - ברכות ק"ש, דערנאך ק"ש, ביז תפלת העמידה.

(ב) עבודה בדרך דילוג. עבודה אין אן אופן פון "מיד" - "חטוף ואכול חטוף ואישתי"[125], אז תיכף ומיד האלט ער ביי א דרגא נעלית בעבודה (און ווארט ניט אויפן דורכגיין א סדר והדרגה מן הקל אל הכבד).

ווי מ'זעט בתחלת כל יום - באמירת "מודה אני": גלייך ("מיד") ווי מ'כאפט זיך אויף פון שלאף, איידער אלע ענינים, אפילו פאר דעם וואס ער האט געוואשן נעגל-וואסער - זאגט ער "מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך":

---

121) קידושין לז, ב. 122) ספר הישר לר"ת סתקכ"ס. וראה שם סתקכ"ב. תקכח. תקמו. תקצב. תקצג. 123) צפע"נ שם. 124) עירובין יג, ב. וש"נ. 125) שם נד, א. וראה מכתב כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע במבוא לקונטרס ומעין ע' 22.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ער שטייט בביטול והודאה להקב"ה ("מודה אני") אויף דעם וואס גלייך ("מיד") ווי ער כאפט זיך אויף פון שלאף, און ער ווייסט ניט וואו ער האלט (ווייל ער האט נאך ניט געוואשן נעגל-וואסער), אעפ"כ האט דער אויבערשטער, דער "מלך חי וקיים", אפגעלאזט "העליונים והתחתונים" בכדי אים מחזיר זיין נשמתו!

וואס דאס איז א סדר העבודה בדרך דילוג - אז "מיד" בבוקר, איידער ער האט געטאן איזה ענין של עבודה, זאגט ער "מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי כו'".

און התחלת היום והתפלה ("מודה אני") האט א קשר מיט סוף תפלת שחרית - "אך צדיקים יודו לשמך", אויך דער ענין פון הודאה וביטול, ע"ד "מודה אני". וואס די הודאה וביטול איז בדוגמת הענין דתכלית הידיעה שלא נדעך[126].

און דאס איז דער חילוק אין עבודת האדם צווישן חיוב הביכורים לויט די גמרא אין קידושין און לויטן ספרי:

דער אופן העבודה לויט דער גמרא אז חיוב ביכורים איז ערשט לאחר שבע שכבשו ושבע שחלקו - איז עבודה בסדר והדרגה. און דער אופן העבודה לויטן ספרי - איז בדרך דילוג, אז "מיד" הויבט מען אן מיט אן ענין נעלה בעבודה, מיטן ענין פון הבאת ביכורים, "מראשית כל פרי האדמה".

לא. עפ"ז איז מובן די הוראה נוספת וואס קומט צו פון דעם פירוש הספרי אין "והי' כי תבוא אל הארץ" - "אין והי' אלא מיד":

כמדובר לעיל איז די כללות ההוראה פון ח"י אלול וואס קומט אויס בשבת פ' תבוא - אז די עבודה פון ברענגען און געבן חיות אין אידישקייט בכלל, ובכללות - דער ענין פון הפצת המעינות חוצה, און אין אן אופן ווי שבת לערנט (כנ"ל), דארף זיין ניט נאר בא זיך, נאר "והי' כי תבוא אל הארץ גו'" - מ'דארף ארויסגיין אין ארץ, אין וועלט, און דארטן ברענגען די אלע ענינים, און מאכן פון כל העולם כולו ארץ ישראל.

קומט צו די הדגשה פון פירוש הספרי "אין והי' אלא מיד" - אז די עבודה פון "כי תבוא אל הארץ גו'" דארף מען טאן אין אן אופן פון "מיד", בדרך דילוג, "חטוף ואכול חטוף ואישתי".

און מ'זאגט נאך אז "והי' כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך": דער אויבערשטער גיט אפ די ארץ צו אידן. ד.ה. דער אויבערשטער גיט די כחות אז מ'זאל קענען איבערמאכן די ארץ אז זי

---

126) ראה בחינות עולם ח"ח פ"ב. עיקרים מ"ב פ"ל. של"ה קצא, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זאל זיין ארץ ישראל, דורך הפצת המעינות חוצה.

לב. דער ענין פון הפצת המעינות חוצה איז פארבונדן מיט דער גאולה, ווי משיח האט געזאגט דעם בעש"ט אז ער וועט קומען כשיפוצו מעינותיך (פון בעש"ט) חוצה[127].

און אלס חלק פון הפצת המעינות חוצה בתור הכנה צו דער גאולה האט נשיא דורנו מגלה געווען לרבים וועגן ח"י אלול, דער יום הולדת פון בעש"ט און פון אלטן רבי'ן.

נאך אן ענין וואס נשיא דורנו, כ"ק מו"ח אדמו"ר האט מגלה געווען (אלס א חלק פון הפצת המעינות חוצה בתור הכנה צו דער גאולה) איז - די שיעורי "חת"ת" (חומש תהלים תניא), ובכללם - אמירת שיעור תהלים בכל יום לויט ווי ס'איז איינגעטיילט לימי החודש.

אין דעם סיום השיעור תהלים פון (יום י"ח בחודש, כולל) ח"י אלול - באיזה קביעות ח"י אלול זאל אויסקומען - איז מודגש במיוחד די גאולה העתידה:

"עקבות משיחך"[128]. און דערנאך איז ער מסיים "ברוך ה' לעולם אמן ואמן".

- אין דעם ענין פון "עקבות משיחך" שטייט דארטן "אשר חרפו עקבות משיחך", ווייל עס זיינען אויך דא די פון דעם סוג וואס "חרפו עקבות משיחך" - איז אך-און-ווי צו זיי. ואין זמן לדבר וועגן זיי, בפרט אז ס'איז דא די שיחה הידועה פון דעם רבי'ן נ"ע[129] וועגן דעם.

דא איז נוגע דער ענין הטוב פון סוף שיעור תהלים דח"י אלול - "עקבות משיחך". און דערנאך איז מען מוסיף "ברוך ה' לעולם אמן ואמן", אז נוסף צו דער הפלאה און אמת'קייט פון איין מאל אמן קומט דא צו "אמן ואמן"[130].

וואס דאס איז נאכמער מדגיש די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ובפרט נאך אז בשנה זו קומט אויס ח"י אלול (ווען מ'זאגט דעם שיעור תהלים) בשבת.

---

127) אגה"ק דהבעש"ט - נדפסה (גם) בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ. 128) תהלים פט, נב. 129) שמח"ת תרס"א - נדפס בלקו"ד ח"ד תשפה, א ואילך. ס' השיחות תש"ב ע' 142 ואילך. 130) ראה מצו"ד לתהלים שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

והשלימה, ביום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים[118],

ובאופן אז עס זאל ניט נעמען קיין צייט צו אנקומען אין ירושלים ולהר הבית ולעזרה, נאר דאס וועט זיין תיכף ומיד ממש, וכסיום ההפטורה פון שבת זה – וואס מ'האט געהערט און געזאגט מיט א ברכה לאחרי' נוסף לברכה שלפני', ברכה מלשון המשכה[119] – "בעתה אחישנה"[120], בדיוק הסדר (ניט "אחישנה בעתה", נאר) פריער "בעתה" און מ'איז מסיים "אחשינה" – אז תיכף ומיד ממש זאל זיין "והי' כי תבוא אל הארץ", "אין והי' אלא מיד"[121], און תיכף ומיד זאל מען זיך געבן א כאפ אז מ'געפינט זיך אין ירושלים באם הר הבית בא דער עזרה,

ומתוך שמחה – נשמות בגופים – וטוב לבב.

* * *

טז. מאמר (כעין שיחה) ד"ה והי' כי תבוא אל הארץ גו'.

* * *

יז. ס'איז אויך רגיל אפצולערנען אן ענין פון פרשת השבוע בקשר מיט פירוש רש"י, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר, און אין די וואכן ווען מ'לערנט פרקי אבות – אן ענין אין פרקי אבות – ווי דער אלטער רבי שרייבט בסידורו השוה[122] לכל נפש, אז "יש נוהגין" צו לערנען פרקי אבות "כל שבתות הקיץ". ובפרט בזמן מנחת שבת ווען מ'לערנט פרקי אבות, וואס ע"פ רוב זיינען די התוועדויות בזמן המנחה.

בנוגע צו פרש"י זיינען דא צוויי אופנים ווי מ'קען רעדן:

איין אופן – אז מ'איז מבאר דברי רש"י בענין מסויים,

א צווייטן אופן – אז מ'איז מבאר פארוואס רש"י איז ניט מפרש א דבר הדורש ביאור לכאורה בפשוטו של מקרא, כאטש רש"י האט עס לכאורה געדארפט מפרש זיין, ווייל רש"י האט ארויסגעגעבן א כלל[123] אז "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא", ד.ה. אז ער איז מסביר אלע ענינים הדורשים ביאור בפשוטו של מקרא, כידוע אז רש"י (אפילו אין גמרא[124], עאכו"כ אין חומש) איז א פרשן ניט קיין פוסק,

---

118) תמיד בסופה. 119) תו"א מקץ לז, ג. ובכ"מ. 120) ישעי' ס, כב. 121) ספרי ריש פרשתנו. 122) ראה לקו"ש חכ"ב ע' 115. ובכ"מ. 123) בראשית ג, ח. שם, כד. ועוד. 124) יד מלאכי כללי רש"י אות א-ב. ועוד.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און אין די ערטער וואו עס פאדערט זיך ביאור בפשש"מ און רש"י האט דארטן ניט וואס צו זאגן, שעמט ער זיך ניט און שרייבט "לא ידעתי"[125], וואס דאס גופא איז א הערה (מיט אן עי"ן) והארה (מיט אן אל"ף) פון רש"י אז בענין זה איז דא א דבר הדורש ביאור בפשש"מ, אבער רש"י האט (איצטער) ניט קיין פירוש בזה, במילא זאל דער בן חמש למקרא אליין זוכן דעם ביאור בחלק הרמז הדרוש והסוד שבתורה, אדער אפילו זוכן אין דרך הפשט א פירוש בזה - ווי דער רשב"ם (דער אייניקל פון רש"י) שרייבט[126], וואס רש"י האט געזאגט אז "אילו הי' לו פנאי הי' צריך לעשות פירושים אחרים לפי הפשטות המתחדשות בכל יום".

וואס דערפון איז מובן, אז בשעת ס'איז דא אן ענין הדורש ביאור לכאורה בפשש"מ און רש"י איז דאס ניט מפרש און שרייבט ניט "לא ידעתי" - מוז מען האבן אין דעם א ביאור, און מ'מוז זאגן אז דאס איז לכתחילה קיין קשיא ניט, אדער אז רש"י האט עס שוין פריער באווארנט, און ער פארלאזט זיך דא אויף דעם וואס ער האט פריער געשריבן.

כדברי חז"ל[127] "דברי תורה עניים במקום אחד[128] ועשירים במקום אחר", און דעריבער ווען מ'לערנט אן ענין אין תורה און די דברי תורה זעען אויס ווי "עניים", מ'האט אין דעם א קשיא וכיו"ב, דארף מען וויסן אז מ'דארף זוכן במקום אחר בתורה וואו דער ענין איז באופן של עשירות. וואס עשירות מיינט ניט נאר "די מחסורו אשר יחסר לו", נאר מער דערפון, ועד כדי כך איז די עשירות אז דברי תורה זיינען ניט נאר עשירים במקומם, נאר אפילו אויב במקום שני זעען זיי אויס ווי עניים, עס פעלט דארטן פשט מאיזה סיבה שתהי', באווארנט דער מקום אחר וואו די דברי תורה זיינען עשירים אז אויך אין דער מקום וואו זיי זיינען עניים זאל מען פארשטיין פשט (ווייל דער מקום וואו ס'איז לכאורה עניים פארלאזט זיך אויף דעם מקום אחר וואו ס'איז עשירים).

און אויב מ'פארשטייט ניט דעם פשט אין דעם מקום וואו ס'איז עניים - זאגט דער ירושלמי[129] עה"פ[130] "כי לא דבר רק הוא" - "אם הוא רק, מכם הוא", מ'קען ניט זאגן אז דער "רק" איז אין תורה, ווייל דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר,

---

125) ראה לקו"ש ח"ה ע' 1 הערה 2 ובשוה"ג (הא'). וש"נ. 126) וישב לז, ב. 127) ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ה (הובא בתוד"ה אלא - כריתות יד, א). ל"ב מדות דר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי. 128) כ"ה בל"ב מדות שם. ובירושלמי שם: עניים במקומן. 129) פאה פ"א ה"א. וש"נ. 130) האזינו לב, מז.

נאר מ׳מוז זאגן אז דער אדם איז רק, ער זוכט ניט דעם מקום אחר וואו ס׳איז עשירים, דעריבער זעט עס פאר אים אויס ווי עניים!

עד״ז בנוגע צו פרש״י, אז אויב רש״י איז ניט מפרש א דבר הדורש ביאור בפשש״מ, איז דאס (קיין קשיא ניט מלכתחילה, אדער) ווייַל ער פארלאזט זיך אויף זיין פירוש במקום אחר וואו ס׳איז עשירים.

און אויף וואו פארלאזט ער זיך - אויף דעם וואס ער האט מפרש געווען פריער, אבער ניט אויף דעם וואס ער וועט שרייבן שפעטער (ע״ד ווי דער כלל אין ספר הרמב״ם[131], אז דער רמב״ם פארלאזט זיך בספרו אויף דעם וואס ער שרייבט אין פריערדיקע הלכות אבער ניט אויף ווייטערדיקע הלכות).

ווארום רש״י איז מפרש פשש״מ פאר א בן חמש למקרא, און ער קען ניט דערלאזן אז דער בן חמש זאל עפעס ניט פארשטיין בפשש״מ אדער מאכן א טעות, און דער בן חמש לערנט דאך חומש על הסדר, דעריבער קען רש״י ניט לאזן אן ענין בלתי מובן פארלאזנדיק זיך אויף דעם וואס ער שרייבט שפעטער, ווייל דעמולט לאזט ער דערווייל דעם בן חמש למקרא מיט בלתי הבנה אדער מיט מאכן א טעות על אחת; משא״כ אויף דעם וואס ער האט געשריבן פריער, וואס דער בן חמש האט שוין געלערנט און געדענקט עס אויך איצטער - אויף דעם קען ער זיך פארלאזן[132].

יח. עד״ז איז דא א קשיא בפשוטו של מקרא בריש פרשתנו ואעפ״כ איז עס רש״י ניט מפרש און שרייבט אויך ניט ״לא ידעתי״, מוז מען זאגן אז ס׳איז מלכתחילה קיין קשיא ניט, אדער אז רש״י פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער האט מפרש געווען פריער.

בריש פרשתנו ווערט אנגעזאגט מצות הבאת ביכורים. וואס די מצוה האט זיך ערשט אנגעהויבן נאך כיבוש ארץ ישראל און נאך חלוקת ארץ ישראל (ווי רש״י איז מפרש), און נאך שלשה שני ערלה ורבעי, און נאך דעם ווי ס׳איז אויפגעשטעלט געווארן דער ביהמ״ק, וואס דאס האט אלץ גענומען א משך פון כ״ב שנים*[132] - איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק פארוואס די פרשה הויבט אן ״והי׳ כי תבוא אל הארץ גו׳ ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו׳״ - ווען דער ״ולקחת מראשית כל פרי האדמה״ (הבאת ביכורים) איז ערשט כמה שנים נאך ביאת הארץ?!

---

131) יד מלאכי כללי הרמב״ם אות וא״ו. 132) ראה ס׳ כללי רש״י (קה״ת תש״מ) פ״ז. וש״נ. *132) נסמן לעיל הערות 101-102.

הנחות הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לכאורה האט געדארפט שטיין[133] "והי' כאשר יבחר ה' אלקיך לשכן שמו שם[134] ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו'" (וכיו"ב). נאכמער: דער בן חמש האט ערשט געלערנט בסוף הפרשה שלפני' בנוגע צו מחיית זכר עמלק[135]: "והי' בהניח ה' אלקיך לך מכל אויביך מסביב בארץ אשר ה"א נותן לך נחלה לרשתה תמחה את זכר עמלק גו'", ווייל היות ווי מחיית זכר עמלק איז תלוי אז פריער זאל זיין "בהניח ה"א לך מכל אויביך גו' בארץ אשר ה"א נותן לך", זאגט דער פסוק אז ווען דאס וועט זיין, אט דעמולט וועט מען זיין מחוייב במצוה זו.

האט עד"ז געדארפט שטיין בנדו"ד: וויבאלד אז מצות הבאת ביכורים איז תלוי בכיבוש וחלוקת הארץ ובבנין ביהמ"ק ובהכרח לאחרי ג' שני ערלה ורבעי - האט געדארפט שטיין, ניט "כי תבוא אל הארץ גו' ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו'", נאר לאחרי ווי עס וועט זיין כיבוש וחלוקת הארץ ובנין ביהמ"ק, אט דעמולט איז מען מחוייב אין הבאת ביכורים?

און וויבאלד אז רש"י פארענטפערט ניט די קשיא, מוז מען זאגן אז ס'איז מלכתחילה קיין קשיא ניט, אדער אז רש"י האט עס פריער באווארנט.

אבער ווען מ'זוכט פריער אין חומש - איז ניט נאר וואס מ'געפינט ניט קיין תירוץ אויף דער קשיא, נאר מ'געפינט נאך אן ארט וואו ס'איז דא ע"ד זה די זעלבע קשיא, ואדרבה - נאך א שטארקערע קשיא.

בריש פ' בהר שטייט[136]: "כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם ושבתה הארץ שבת לה'", און ער איז ממשיך: "שש שנים תזרע שדך גו' ובשנה השביעית שבת שבתון גו'".

איז לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיק בפשוטו של מקרא: לאחרי "כי תבואו אל הארץ" דארפן דאך פריער דורכגיין שש שנים און ערשט דערנאך קען זיין "ושבתה הארץ שבת לה'" - האט דא געדארפט שטיין (ווי דער פסוק איז טאקע אליין ממשיך) "כי תבואו אל הארץ גו' שש שנים תזרע שדך גו' ובשנה השביעית שבת שבתון גו'" - פארוואס שטייט א סדר הפוך: "כי תבואו אל הארץ גו' ושבתה הארץ גו'", ווען דער "ושבתה הארץ" איז ניט גלייך נאך "כי תבואו אל הארץ" נאר לאחרי שש שנים[137]?!

---

133) ראה גם מכתב כללי דעש"ק פ' תבוא ח"י אלול ש.ז. 134) ע"ד ראה יב, יא. 135) ס"פ תצא. 136) כה, ב-ד. 137) ראה גם "משיחות" ש"פ תשא ש.ז. ס"ד. וש"נ.

הנחה הת' בלתי מוגה

וואס דאס איז נאך א שטארקערע קשיא ווי די קשיא בפרשתנו: בפרשתנו שטייען כמה פרטים וואס דארפן זיין איידער מ'ברענגט ביכורים; משא"כ בפ' בהר שטייט גלייך נאך "כי תבואו אל הארץ גו'" - "ושבתה הארץ שבת לה'" אן קיינע פרטים בינתיים, כאטש אז בינתיים דארפן דורכגיין שש שנים!

און אויך דארטן איז רש"י גארניט מפרש.

וכפי שיתבאר לקמן.

יט. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר זיינען ניטא קיינע הערות על הזהר בפרשתנו, אבער בההערות לזהר פ' שלח[138] ברענגט ער א פסוק פון פרשתנו:

ער שטעלט זיך דארטן אויפן מאמר אין זהר[139] "זכאי אינון ישראל מעמין עכו"ם דעלמא דקב"ה אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו", און ער איז מבאר אז די דריי לשונות זיינען כנגד די ג' קוין חסד גבורה ותפארת. און דערנאך איז ער ממשיך: "והיינו מ"ש בפ' תבוא[140] על ישראל ולתתך עליון על כל הגוים (הוא מש"א כאן שהם קיומא דכל שאר עמין) לתהלה ולשם ולתפארת, תהלה יהל אור הוא מצד החסד, והוא מה שאמרו כאן דאתרעי, ולשם הוא מה שאתכני בהו שנקרא בשמם [כנגד גבורה, כידוע אז שם איז בחי' בינה, וואס איז בקו השמאל, וואו עס געפינט זיך גבורה], ולתפארת הוא מה שאתפאר בהו".

ער איז אבער ניט מבאר די הוראה דערפון אין עבודת האדם. און אויך ניט דער חידוש אין "ולתתך עליון על כל הגוים", ובלשון הזהר - "זכאי אינון ישראל מעמין עכו"ם דעלמא כו'" - דמאי קמ"ל: ס'איז דאך א דבר הפשוט אז אידן זיינען העכער פאר גוים - "אתה בחרתנו מכל העמים...ורוממתנו מכל הלשונות"[141] וכו'?!

וכפי שיתבאר לקמן.

כ. אין די לוחות שטייט אז מנהג ישראל איז צו לערנען בשבת זה צוויי פרקים בפרקי אבות - פרק ג' וד'[142].

האט מען צוויי ברירות: צו רעדן אן ענין אין פרק שלישי אדער אן ענין אין פרק רביעי.

138) לקוטי לוי"צ לזח"ג ע' שעה. 139) ח"ג קסא, סע"א. 140) כו, יט. 141) בתפלת העמידה דיו"ט. 142) ראה ס' נגון פסח לשבועות (אה"ק תשד"מ) ע' קסא. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וויבאלד אבער ס'איז מנהג ישראל צו לערנען דיביידע פרקים בשבת זה, איז מובן אז ס'איז בהשגחה פרטית (און ניט נאר צוליב מסיים זיין פרקי אבות פאר ראש השנה), און אז עס איז דא א שייכות בתוכן צווישן די צוויי פרקים – איז נאך בעסער אז מ'זאל רעדן אן ענין המשותף בפרק שלישי ובפרק רביעי.

וכפי שיתבאר לקמן.

כא. השיחה ע"ד מראי מקומות לספר הרמב"ם – הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א וי"ל בפ"ע.

* * *

כב. דער ביאור פארוואס רש"י באווארנט ניט בפשש"מ וואס אין פסוק שטייט "והי' כי תבוא אל הארץ גו' ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו'" ווען מצות הבאת ביכורים איז כמה זמן נאך ביאת הארץ:

אין פשש"מ איז דאס לכתחילה קיין קשיא ניט. ווייל בפשטות לערנט דער בן חמש למקרא אז "והי' כי תבוא אל הארץ" איז ניט בלויז א הקדמה צום ציווי אויף מצות הבאת ביכורים, נאר ס'איז אויך א הקדמה צו די ציווים אויף מצוות וואס חיובם איז בשעת "כי תבוא אל הארץ" – דער ענין פון "וירשתה" (פון דער נחלה "אשר ה"א נותן לך"), און דער ענין פון "וישבת בה".

און ערשט דערנאך איז דער פסוק מוסיף מיט א וא"ו המוסיף נאך א ציווי – "ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו'", מצות הבאת ביכורים.

ועפ"ז איז מלכתחילה קיין קשיא ניט פארוואס דא שטייט "כי תבוא אל הארץ", ווייל דער פסוק זאגט דא אן אז גלייך בביאתם אל הארץ דארף זיין "וירשתה וישבת בה". אבער דער ענין פון הבאת ביכורים קומט טאקע א משך זמן שפעטער, ווי דער פסוק איז ממשיך.

און דאס איז דער פירוש הפשוט אין דעם פסוק. ס'איז בלויז וואס בלימוד ע"ד ההלכה איז מען איינגעוואוינט צו לערנען אז דער פסוק רעדט נאר וועגן מצות הבאת ביכורים, און "והי' כי תבוא אל הארץ גו'" און אויך "וירשתה וישבת בה" איז נאר א הקדמה ותנאי צו מצות הבאת ביכורים, אז מצות ביכורים איז דוקא לאחרי כיבוש וחילוק (שבע שכבשו ושבע שחלקו), ווי די גמרא זאגט אין קידושין[143];

אבער ע"ד הפשט איז דער פירוש הפשוט אין פסוק אז דא זאגט

---

143) לז, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

מען אויך אָן די ציווים אויף "וירשתה וישבת בה", ולאח"ז - דעם ציווי אויף ביכורים.

ועפ"ז איז אויך מובן (בדרך הפשט) דער וא"ו המוסיף פון "ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו'", דלכאורה: אויב "והי' כי תבוא אל הארץ גו' וירשתה וישבת בה" קומט נאר אלס הקדמה ותנאי צו מצות הבאת ביכורים, האט געדארפט שטיין "והי' כי תבוא אל הארץ גו' תקח מראשית כל פרי האדמה גו'" (וכיו"ב). נאר וויבאלד אז "ולקחת מראשית כל פרי האדמה" איז א ציווי נוסף אויפן ציווי בפסוק שלפנ"ז "וירשתה וישבת בה", קומט עס מיט א וא"ו המוסיף.

כג. מ'קען דערויף נאך אבער פרעגן:

נוסף לזה וואס ע"פ הלכה קומט אויס (ווי די גמרא זאגט אין קידושין[143]) אז "כי תבוא אל הארץ גו' וירשתה וישבת בה" איז א הקדמה ותנאי צו מצות הבאת ביכורים - איז רש"י אליין אזוי מפרש עה"פ: "והי' כי תבוא גו' וירשתה וישבת בה - מגיד שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה".

ולפי"ז קערט זיך אום די שאלה - פארוואס דא שטייט "כי תבוא אל הארץ", וואס קען מיינען אז באלד בבואם לארץ ווערט מען מחויב בביכורים - ווען די מצוה איז חל ערשט לאחרי שכבשו וחלקו כו', וואס איז געווען כמה זמן לאח"ז, ולאחרי ג' שני ערלה כו'?

איז דער ביאור בזה, אז אויך דאס איז לכתחילה קיין קשיא ניט:

רש"י שרייבט נאר אז "מגיד שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה", אבער ער שרייבט ניט (דא) וויפל צייט עס וועט געווערן דער כיבוש וחלוקה, אז ס'וועט געדויערן פערצן יאר, שבע שכבשו ושבע שחלקו -

ווייל ע"ד הפשט פארשטייט דער בן חמש בפשטות, אז ס'איז ניט מוכרח אז דאס זאל געווערן זמן, ווארום אילו זכו וואלט דאך משה אליין אריינגעפירט די אידן אין ארץ ישראל[144] און כיבוש הארץ וואלט דעמולט געווען תיכף ומיד,

ע"ד ווי ס'איז געווען בכיבוש יעזר, ווי דער בן חמש האט שוין פריער געלערנט בפ' חוקת[145] אז "וישלח משה לרגל את יעזר וילכדו בנותי' ויורש את האמורי אשר שם", ופרש"י: "המרגלים לכדוה, אמרו לא נעשה כראשונים, בטוחים אנו בכח תפלתו של משה להלחם".

---

144) פרש"י בהעלותך י, כט. שם, לג. 145) כא, לב.



SichosKodesh.com

זעט מען דערפון אז אפילו נאכן חטא העגל און אפילו נאכן חטא המרגלים (וואס האט גורם געווען אז אידן זאלן ניט גלייך אריינגיין אין ארץ ישראל נאר זיין אין מדבר ארבעים שנה[146]) האבן די מרגלים (וואס זיי זיינען שוין געווען פון דור שנכנסו לארץ) גלייך כובש געווען בפועל יעזר זאגנדיק "בטוחים אנו בכח תפלתו של משה להלחם". כאטש משה האט זיי נאר געשיקט אלס מרגלים - איז עאכו"כ אז בא מתן תורה, ווען ס'איז אנגעזאגט געווארן די מצוה ופרשה פון ביכורים (ווי רש"י האט פריער מפרש געווען[147] אז "כל המצות נאמרו מסיני..כולן נאמרו כללותיהן ודקודקיהן מסיני", פאר חטא העגל וחטא המרגלים - איז אילו זכו וואלט משה גלייך אריינגעפירט די אידן אין ארץ ישראל*[147] און דעמולט וואלט כיבוש הארץ געווען (בכחו של משה) תומ"י.

ועד"ז חילוק הארץ וואלט געקענט זיין תומ"י, ווייל דאס איז ניט געווען ע"י בני אדם, נאר ע"פ ה' - אורים ותומים[148] כו', במילא האט עס געקענט זיין תומ"י -

ובמילא וואלט דעמולט געווען חלות מצות ביכורים אויך בפועל - מיד בשעת "כי תבוא אל הארץ" (ניט ווי שמיטה וואס דארף זיין ערשט נאך "שש שנים תזרע שדך גו'"), וויבאלד אז כיבוש וחילוק הארץ (וואס איז א תנאי צו מצות ביכורים) וואלט געווען מיד, און דעמולט איז אויך געווען משכן גלגל*[148].

ועפ"ז איז אויך מובן ע"ד ההלכה דער פס"ד הספרי (בריש פרשתנו) אויף "והי' כי תבוא", אז "אין והי' אלא מיד", כידוע די קשיא בזה בכ"מ[149] פון די גמרא אין קידושין אז חיוב ביכורים איז דוקא לאחר כיבוש וחילוק - אז פס"ד הספרי אז מצות הבאת ביכורים וועט זיין "מיד" בשעת "תבוא אל הארץ" - מיינט "מיד" כפשוטו - ווייל אילו זכו וואלט גלייך געווען כיבוש וחילוק הארץ און דעמולט וואלט אויך געווען חלות מצות ביכורים "מיד" בפועל, ווייל ס'איז אינו מחוסר זמן, כ"א מחוסר מעשה.

און דערצו איז קיין סתירה ניט פון דער גמרא אין קידושין, וואס זאגט אז מצות ביכורים איז לאחרי כיבוש וחילוק (שבע שכבשו ושבע שחלקו) - ווייל דארטן רעדט ער ווי ס'איז געווען בפועל (מכיון שלא זכו), אבער אילו זכו וואלט דאס געווען טאקע "מיד" כפשוטו בפועל*.

---

*) ונוסף לזה יש לומר לתרץ הספרי "אין והי' אלא מיד", דמצות ביכורים היתה "מיד" בפועל:

---

146) שלח יד, לד. 147) ר"פ בהר. *147) פרש"י בהעלותך שם. 148) פרש"י פינחס כו, נד. וראה לקו"ש חי"ג ע' 114. ושי"נ. *148) ראה רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א ה"ב. 149) צפע"נ עה"ת כאן. ועוד.

כד. מ'דארף נאך אבער פארשטיין: אמת טאקע אז "כי תבוא אל הארץ" האט תיכף ומיד געקענט זיין כיבוש וחילוק, אבער מ'דארף דאך ווארטן נאך ג' שנות ערלה כו' ביז מ'וועט קענען ברענגען ביכורים - איז נאך אלץ די קשיא וואס עס שטייט "והי' כי תבוא אל הארץ גו' ולקחת מראשית פרי גו'", ווען ביכורים איז עכ"פ ג' שנים כו' נאך "כי תבוא אל הארץ"?

איז דאס אויך קיין שאלה ניט:

רש"י שרייבט*149 אז חיוב ביכורים איז נאר אויף די "שבעת המינין בלבד", "נאמר כאן ארץ ונאמר להלן150 ארץ חטה ושעורה גו', מה להלן משבעת המינים שנשתבחה בהם ארץ ישראל אף כאן שבח של ארץ ישראל שהן שבעה מינין".

---

התנאי דחיוב הבאת ביכורים הוא לאחרי שכבשו וחלקו [ואפילו את"ל שכאו"א שנתיישב בחלקו - נתחייב מיד מבלי לחכות שכולם יתיישבו - הרי החלוקה החחילה לאחרי גמר הכיבוש, ע"פ פשטות הלשון שבע שכבשו ו(לאח"כ) שבע שחלקו] -

ה"ה בחלק א"י שהוא במצות חילוק, משא"כ דושנה של יריחו (גם בפש"מ - בפרש"י בהעלותך י, לב) שנכבשה "מיד" בכניסת הארץ והובטחה וניתנה בפועל לבני יתרו (ספרי בהעלותך שם). ועפ"ז היתה חלות מצות ביכורים "מיד" בפועל כשנכבשה וניתנה דושנה של יריחו לבני יתרו (ואף שלשון רש"י (בהעלותך שם) - "כשהיו ישראל מחלקין את הארץ כו'", היינו שנתינת דושנה של יריחו לבני יתרו הי' לא מיד בביאת הארץ כ"א כשחלקו הארץ לכל ישראל - אין הכרח שגם להספרי כן הוא).

[ואף שבני יתרו היו גרים, ולפרש"י (פרשתנו כו, יא. מביכורים פ"א מ"ד) אינו קורא - הרי פי' טעמי' "שאינו יכול לומר אשר נשבע ה' לאבותינו לתת לנו", משא"כ בני יתרו יוכלו לומר כן, כי נתגיירו קודם הכיבוש (עכ"פ י"ל כן - להרץ הספרי שהי' "מיד" בפועל ג"כ)].

וזה נאמר דוקא בנוגע ליריחו שהי' דושנה, משא"כ חברון שהובטחה לכלב (גם ע"פ פש"מ - פרש"י שלח יג, כב) - טרשין (פרש"י שם). וכן לא ירושלים (גם למ"ד דלא נתחלקה (מגילה כו, א)) דנכבשה לאחר זמן - משא"כ יריחו דנכבשה "מיד".

ועפ"ז כהנ"ל יומתק (גם ע"פ פש"מ): "כרמים וזיתים אשר לא נטעת ואכלת ושבעת" (ואתחנן ו, יא) - ובמילא גם ג' שנות ערלה וכו' אין צריך לחכות, וחלות מצות ביכורים הוא "מיד" כשנכנסו לארץ.

---

*149) פרשתנו כו, ב. 150) עקב ח, ח.

SichosKodesh.com

ובנוגע צו חטה ושעורה (די ערשטע פון די שבעה מינים, וועלכע רש"י איז מעתיק) איז ניטא קיין איסור ערלה, במילא איז תיכף ומיד בשעת "כי תבוא אל הארץ" דארף מען נארווארטן א פאר וואכן ביז חטה ושעורה וועלן אויסוואקסן – וועט דעמולט זיין חלות מצות ביכורים.

ועוד י"ל נאכמער (כנ"ל בהערה): עס שטייט אז בשעת אידן וועלן אריין לארץ וועלן זיי געפינען "כרמים וזיתים אשר לא נטעת ואכלת ושבעת", וואס אויף דעם איז ניט חל דער איסור ערלה, במילא דארף מען ניט ווארטן שלש שנים, נאר מיד איז מען מחוייב בביכורים.

כה. דער ביאור בריש פ' בהר פארוואס דער פסוק זאגט "כי תבואו אל הארץ (און גלייך) ושבתה הארץ שבת לה'", ווען פריער דארפן דורכגיין שש שנים תזרע שדך גו'.

דארטן קען מען ניט ענטפערן ווי מ'ענטפערט בנוגע צו ביכורים, ווייל דארטן שטייט גלייך "ושבתה הארץ" אן פרטים בינתיים, און ס'איז בהכרח אז מ'דארף ווארטן שש שנים ביז שנת השמיטה.

איז דער ביאור בזה – בפשטות:

לכל לראש זאגט דער פסוק כללות המצוה – וואס דאס איז מצות השמיטה – "ושבתה הארץ שבת לה'", און דערנאך טייטשט אויס דער פסוק די פרטים אין וואס עס באשטייט מצוה זו – "שש שנים תזרע שדך גו' ובשנה השביעית שבת שבתון לה'". ווי ס'איז רגיל אין תורה.

ווי מ'געפינט פריער בנוגע צום ציווי אויף מצות שבת – וואס רש"י גלייכט צו שמיטה צו "שבת בראשית"[151]: לכל לראש זאגט אן תורה די מצות שבת בכללות – "זכור את יום השבת לקדשו"[152] אדער "שמור את יום השבת לקדשו"[153], און דערנאך טייטשט מען אויס די פרטים דמצוה זו – "ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה' אלקיך גו'"[154].

דאס קען מען אבער ניט פארענטפערן בנוגע צו מצות ביכורים – ווייל דער פסוק זאגט ניט אן לכל לראש די מצוה בכללות, נאר זאגט פריער כמה פרטים. דארף מען בנוגע מצות ביכורים אנקומען צו

---

151) בהר כה, ב. 152) יתרו כ, ח. 153) ואתחנן ה, יב. 154) יתרו שם, ט-י. ואתחנן שם, יג-יד.

דעם תירוץ כפי שהאריך לעיל.

כו. דער ענין פון כיבוש וחילוק ארץ ישראל בגשמיות איז, כמובן, תלוי אין כיבוש וחילוק ארץ ישראל ברוחניות, ד.ה. בפשטות, אז די הנהגה אין ארץ ישראל זאל זיין בהתאם דערמיט וואס זי איז אן "ארץ אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה".

וואס פאר דעם צוועק האט דער אלטער רבי - דער בעל יום הולדת פון ח"י אלול - געשיקט ספעציעל געלט לצדקות בארץ ישראל, ארץ החיים, מיטן נאמען "כולל חב"ד", כמבואר בכו"כ אגרות שלו, געלט צו נוצן אויף הוספה בלימוד התורה וקיום המצוות בהידור ו"כל מעשיך יהיו לשם שמים"[155] און "בכל דרכיך דעהו"[156] בארץ ישראל, און דורכגענומען מיטן ענין החיים (בהתאם לזה וואס זי איז "ארץ החיים") - פנימיות התורה, וואס גיט אריין א חיות אין לימוד התורה בכלל און קיום המצוות.

כז. בהשגחה פרטית האט מען מכוון געווען צו מאכן די מלוה מלכה (בלשון המדינה - "דינער") לטובת "כולל חב"ד" במוצאי שבת זה (ביום ראשון וואס איז א המשך צו מוצאי שבת), ח"י אלול - דער יום הולדת פון די שני המאורות הגדולים, דער בעש"ט און דער אלטער רבי - וואס האבן א שייכות מיוחדת מיטן תוכן וכוונה פון "כולל חב"ד":

דער תכלית וכוונה פון די צדקת ארץ ישראל, "כולל חב"ד", איז דאס צו נוצן אין ארץ ישראל בכדי אז אידן דארטן זאלן זיך אויפפירן בהתאם צו ענינו פון בעש"ט און דער אלטער רבי, ווי ארויסגעבראכט בשמם - "ישראל" און "שניאור זלמן":

מ'דארף משפיע זיין און אויפטאן מיט יעדן אידן אַן אויסנאם, ווייל "אע"פ שחטא ישראל הוא"[157], במילא דארף מען מעורר זיין דעם "ישראל" שבו[158], וואס דאס איז מציאותו וחיותו פון יעדן, אפילו אויב בחיצוניות זעט אויס אז ביי אים איז נאר "בשם ישראל יכונה"[159] - כידוע אז "ישראל" איז ר"ת יש ששים ריבוא אותיות לתורה, יעדער איד האט זיין אות אין תורה[160], וואס אין דעם אות באשטייט מציאותו וחיותו - דארף מען מעורר זיין דעם "ישראל" - דעם אות בתורה - שבכאו"א מישראל.

---

155) אבות פ"ב מי"ב. 156) משלי ג, ו. 157) סנהדרין מד, רע"א. 158) להעיר מלקו"ש ח"ב ע' 516. 159) ל' מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ לחגיגת י"ב תמוז הראשונה - סה"מ תרפ"ח ע' קמו. אגרות קודש שלו ח"ב ע' פ. ועוד. וראה לקו"ש ח"ח ס"ע 329 ואילך. 160) מגלה עמוקות אופן קפו. וראה סה"מ תש"ו ע' 46. תש"ט ע' 41 (השני). ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com